

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

שנה י"ז - גליון 757
זמנים: עש"ק 4:18 – מוצש"ק 5:44

פרשת חיי שרה
עש"ק כ"א מרחשון שנת תשפ"ה לפ"ק



## פארציילט אין לאנטש רום

**די וואך** ווען מיר האבן געלערנט די ספעציעלע מצוה פון **גמילות חסד** האבן מיר געהערט פון מיין רבי און דער מנהל דערציילן עטליכע מעשיות פון מדרש מיט אונזער מאמע רבקה. ווי אזוי רבקה האט ליב געהאט צו טוהן א חסד פאר נאך א מענטש.

**איין מעשה** ווי רבקה האט מיט איר טיכל אפגעוואשן די בלוט פון יענע אינגל וואס האט זיך צוקלאפט און געוויינט.

**די צווייטע מעשה** ווי רבקה ברענגט א בענקל פאר אן עלטערע מענטש ער זאל קענען זיצן. מיר האבן די מעשיות געהערט און געזעהן, אזוי האבן מיר גוט פארשטאנען דעם באגריף פון גמילות חסד. אויך א ספעציעלע ניגון האט מען געזינגען וועגן טוהן חסד.

**דער מנהל** פארציילט אונז אויך פון די מידה פון **"חסד"** וואס אונזער **הייליגער רבי רבינו יואל זצ"ל** האט געטוהן ווען ער איז נאך געווען א קינד ווי מ'האט איהם דעמאלט'ס גערופן **"יואליש'ל"**, הערן מיר אזוי שיין ווי עס פלעגט דעמאלט'ס זיין דער סדר אין חדר אז די קינדער פלעגן ברענגען א פעקל אין חדר מיט די פרישטאג און מיטאג. הערן מיר אז דער רבי יואליש'ל, האט באמערקט אז איין קינד (חיים'ל) ברענגט נישט מיט קיין עסן ווייל זיי זענען געווען זייער ארעם און זיי האבן נישט געהעריג קיין עסן, האט דער אינגל יואליש'ל די הייליגע רבי איהם געברענגט 2 פעקלעך איינס פאר פרישטאג און איינס פאר לאנטש אזוי האט ער פארטיילט נאך אלס קינד עסן פאר אנדערע.

**די צווייטע מעשה**

הערן מיר אויך מיטן רבי'ן נאך אלס קינד, ווען ער האט געהערט אז ביי זיין רבי פון חדר איז נישט דא קיין סטיהם אינדערהיים און ס'איז זייער קאלט דארט, די קינדער ווערן פארקיהלט אין זייער הויז, האט די רבי, יואליש'ל גענומען זיין נייע סטיהם וואס זיין מאמע האט איהם געקויפט און ער האט דאס גענומען מיט א וואגאן און געטראגן צו זיין רבי'ס הויז אז ס'זאל איהם זיין פייןווארעם. אזוי לערנען מיר זיך פון די חסד מעשיות ווי אזוי מיר דארפן זיך אויפפירן.

**מיר האבן** (נישט נוירסערי) באקומען דעם **"חסד קארטל"** ווייל מיר זענען אלע געווארן **א "חסד מעמבער"** ארויס צו העלפן אונזער מאמע אינדערהיים, און אויך א יעדע איד וואס און ווען מ'קען נאר.

**מיר ווייסן גוט ווי אזוי צו טוהן**

**"חסד" אינדערהיים,**

| | |
|---|---|
| **חסד אויפן באס** | **חסד אין באס חדר** |
| **חסד אין חדר** | **חסד אין שול** |
| **חסד אויפן גאס** | **חסד אויפן הייוועי** |

**ווייל מיר זענען א "חסד מעמבער"...**

**די מידה** לערנט אונז אסאך, ווי אזוי א אידיש קינד דארף זיך אויפצופירן סיי ווי און סיי ווען.

**לכבוד** דעם האבן מיר געזוכט צו טוהן **"חסד"** מיר האבן אויפגעהויבן די טויס און שיין צוזאם געפאקט ווייל אזוי העלפן מיר זייער גוט אן אנדערן, אויך ווייסן מיר שוין צו **העלפן א חבר אנטוהן און צו צומאכן זיין קויט**, צו טוהן חסד מיט א צווייטן איד ווייס איך שוין זייער גוט, אויך **אוועקצוגעבן פון מיין שבת פעקל** פאר נאך א ברודער אדער שוועסטער אדער חבר.

**ווי אויך** אין שטוב ארויסצוהעלפן א חסד פאר מאמי-טאטי אדער פאר געשוויסטער. יעצט ווען איך וועל טוהן א חסד וועט מען קענען דאס ארויס שרייבן אויף די מצוה צעטל וואס פאר **א חסד איך האב געטוהן אין שטוב. ווען מיר זענען איבערגעגאנגען מיט די קינדער וואס מ'קען העלפן אין שטוב** האבן די קינדער ארויין געשריגן זייער אינטערסאנט לויט זייער השגה... **איינער העלפן** אוועק פאקן די טויס... **איינער** די וועש... **איינער** די ארדער פון גראסערי... **איינער** מיט די בעיבי'..

**אויך זינגען מיר שיין דעם "חסד ניגון"** (הערט ביי שער הנגינה)

### ווינקל אינהאלט


- די לאנטש רום מעשיות.
- די מיטוואך שפיל.
- השכמת הבוקר, נעגל וואסער.
- די סדרה לעבט ביי די נוירסערי כיתות.
- אויספרעגן ריכטיג.
- די גראם און באגריפן פון די וואך.
- פרישטאג מעשה
- וויכטיגע נקודות איבער מלבושים פון קינדער וואס ווערן פארלוירן און פארטוישט.
- ווי לייגט מען די באס פין?
- וועגן א באס סטאפ טויש.
- אין די וועלט פון קאלירן.
- דער טויש ביי די באס ראוט'ס
- סדר פון א טאג אין קינדערגארטן.
- די שמחה שפאנט מ'גרייט זיך אנהייבן די א"ב.
- חכמה'לעך.
- די רייזיגע חלה פון די געצעהלט.
- ברוכים הבאים נייע קינדער.
- מזל טוב וואונטשן.


**נייעס ליין און שער הנגינה !**

718-407-7460# 1/5 /6

# דער מיטוואך שפיל אין עס זאל

**דעם מיטוואך** האבן מיר זייער שיין מיטגעהאלטן דעם הערליכן שפּיל, פארשידענע זאכן פון די סדרה. די וואך איז געקומען די רייע פאר די כיתה פון **הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א** ווי די קינדער האבן אזוי שיין אהערגעשטעלט.

**מיר זעהן** ווי אברהם **(בנציון סאקס)** מיט אלע מענטשן **(שמואל אליעזר אפּפעל, יואל כ"ץ, יוסף משה אברהם קליין, שלמה שווארטץ)** זיי קומען צו באווייגען שרה, אלע קינדער לייגן אראפ די קאפ צוזאמען מיט אברהם, מען וויינט ווייל שרה איז נפטר געווארן און זי איז געווען א גרויסע צדיקת.

**נאכדעם** רעדט אברהם צו די בני חת **(בנימין ווידער, חיים שטיין)** און צו מר. עפרון **(משה כוואן)** מיר הערן ווי קודם זאגט עפרון אז ער דארף נישט קיין געלט, אבער ער זאגט ליגענט ווייל אמת'דיג וויל ער יא אסאך געלט, אלע קינדער זינגען ליגענט זאגן... ליגענט זאגן... מיר הערן ווי ער זאגט אז ער דארף נאר 400 זילבערנע געלט, און מיר זעהן ווי אברהם גיבט פאר מר. עפרון די געלט פאר די מערת המכפלה און מר. עפרון גיבט פאר אברהם דעם שליסלעך.

**דערנאך** האבן מיר געזעהן ווי אברהם רופט אליעזר **(נחמי' הירש)** און הייסט איהם ער זאל גיין זוכן א כלה פאר יצחק, אברהם זאגט אן אז ס'מוז זיין א פיינע מיידל וואס וועט טוהן חסד און אויך זאל ער מיטנעמען קעמלעך, מיט מתנות, און דזשולערי. מיר זעהן ווי אליעזר קומט מיט די קעמלעך וואס האבן געהאט א שלאס אויפן מויל, די קעמלעך זענען געווען **(קלמן רפאל טויב, שמעון טייטלבוים, שרגא טייטלבוים, מענדי שווארטץ)** יא יעדער ווייסט אז די קעמלען זענען פון אברהם'ס הויז ווייל זיי עסן נישט אין אנדערע פעלדער פון אנדערע מענטשן. **אליעזר מיט די קעמלען** קומען אן צו א עכטע ברינען, הערן מיר ווי אליעזר זאגט אז ער זיכט פאר יצחק נאר א גוטע כלה, וואס טוט "**חסד**" מיט אנדערע און זי וועט געבן צוטרינקען פאר אליעזר און אויך פאר די קעמלען.

## מדרש מעשה

**מיר האלטן זייער שיין מיט** ווי צוויי קינדער **(שלום ווארפמאן, מיכאל אלי' עג'מי)** שפילן שיין אויף א סיסא און זייער גרויסע ברידער **(יצחק יחיאל שלעיזינגער)** וואטשט זיי, אינמיטן שפילן פאלט איין אינגל אראפ ער צו קלאפט זיך און ס'בלוט איהם, ער וויינט זייער שטארק זעהן מיר ווי די צדיקת מיידל רבקה **(מאיר צבי גוטמאן)** טוט א חסד זי האט גענומען איר טיכל און מיט דעם אפגעווישט זיין בלוט און געלייגט א בענדיטש

**נאך זעהן מיר** ווי אן אלטער מענטש **(ישעי' ווערטהיימער)** גייט מיט א שטעקן און ער האט נישט קיין כח צו גיין, קומט רבקה די צדיקת מיט א בענקל און געבט דאס פארן אלטן מענטש ער זאל זיך קענען אראפ זעצן און אלע קינדער שרייען אויס: **דאס איז א חסד..**

**דערנאך** האבן מיר געזעהן ווי אזוי רבקה'לע קומט צו גיין לעבן די ברינעם מיט א קריגל אויף די פלייצע, גרייט צו געבן צו טרינקען פאר אנדערע, ווען אליעזר האט געבעטן פון רבקה צוטרינקען האט זי גלייך גערענטפערט: **זיכער! שאָר**

### א ספּעציעלן בקשה

**טוישן א באס סטאפּ** איז נאר ווען ס'איז זייער וויכטיג, א גאנצע וואך נאר ביז 2:00. זונטאג נאר ביז 1:30 בליעה"ר נאר אויסצוהערן די מעסעדזשעס פון די באס סטאפּ טויש נעמט א שיין ביסל צייט, דעריבער נעמט אין אכט, מיר קענען נישט צוריק רופן צו באשטעטיגן אז דער באס טויש איז געמאכט געווארן, עס ווערט ב"ה אדורך געפירט מיטן פולסטן אחריות בעז"ה און די קינדער קומען אן דארט ווי זיי דארפן.

**ווען איר** לאזט איבער א קלארן מעסעדזש מיט אלע אינפארמאציע פארשטייט מען אלעס קלאר, אזוי אויך איז טאקע זייער וויכטיג איבערצולאזן א נומבער פון ווי איר רופט אז אויב פארשטייט מען נישט עפעס אדער פאר סיי וואס פאר א אומקלארקייט זאל מען האבן ווי צו איבערפרעגן. אבער מיר קענען נישט צוריק רופן צו באשטעטיגן אז דער באס טויש איז געמאכט געווארן.

מיט פיל דאנק.

## גראם פון די וואך פרשת חיי שרה:

**איינס פאר דיר, און איינס פאר מיר** (מידה חסד)

**איך האב אייביג אינזין, א חסד פאר א צווייטן צו טוהן.** (סדרה)

**רבקה האט געזעהן ווי א קינד צוקלאפט זיך די ציין, ווען ער פאלט אראפ לעבן א שטיין.** (מדרש מעשה)

**די עבודה זרה'ס וועט לבן יעצט אויסקערן, אין אזא הויז קומט אליעזר אריין גערן.** (סדרה)

**מיט א וואגן, דעם סטיהם געטראגן.** (מעשה ביים רבי'ן)

## קינדערגארטן

מיר ווערן באריכט מיט שפּראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ.

### ווערטער און באגריפן:

**נאך ידיעות וואס איז וויכטיג פאר א קינד און ווערט ארויס געברענגט ביי די סדרה פארציילונגען.**

**זומער - ווינטער --- קאלט - הייס**

**א סטיהם, מאכט ווארעם א הויז**

**לאנג - קורץ, שמאל - ברייט** (כשרונות)

**חילוקים - פון שעיפס** (כשרונות)

## מודעה ובקשה!!

**חשוב'ע עלטערן שיחיו ביטע זיכער מאכן איידער איר שיקט אייער קינד אין חדר אז ער איז גענצליך ריין פון "לייז" און "ניץ" מען זאל גוט אויסקעמען די האר פון "ניץ"**

**<u>עלטערן פלאגן זיך שטארק צו האלטן זייער קינדער ריין</u>**

**דערפון עס איז נישט רעכט אז וועגן איין קינד זאלן אנדערעליידן. מיר האפן אויף אייער פולע קאאפעראציע.**

**קענסטו האבן,** אויך פאר דיר און אויך פאר די קעמלעך, <u>אליעזר זעהט ווי די וואסער פון די ברונעם הייבט זיך אויף,</u> (אלע קינדער ווייזן מיט הענט וויאזוי) יעצט ווייסט שוין אליעזר אז די מיידל איז א צדיקת, מיר זעהן ווי רבקה גיבט צו טרינקן פאר אליעזר און פאר אלע קעמלעך נאך און נאך. דעמאלטס האט מען אויסגערופן אז רבקה איז א גוטע כלה פאר יצחק, מיר זעהן ווי אליעזר גיבט שיינע קייטלעך און 2 ברעיסלעט'ס פאר די כלה רבקה, אלע קינדער שרייען אויס הויעך **"מזל טוב"**. ווען אליעזר האט געפרעגט פון רבקה אויב ער קען גיין שלאפן צו זייער הויז האט רבקה גענטפערט זיכער אוודאי!.

**מיר האבן געזעהן** ווי לבן **(יעקב יוסף שווארטץ)** לויפט שנעל צו אליעזר ווייל ער דארף אויך שיינע זאכן, און א נס איז געשעהן אז אליעזר פליהט ארויף העכער דעם ברינעם. מיר הערן ווי לבן זאגט פאר אליעזר קום אריין אין אונזער הויז אבער אליעזר וויל נאכנישט ווייל דארט איז דא געטשקעס, לבן הייסט זיינע מענטשן אויסקערן מיט בעזעמעס די גאנצע הויז פון די עבודה זרה'ס ווייל אליעזר קומט נישט אריין אין הויז ווי ס'איז דא עבודה זרה'ס.

**נאכדעם זעהן מיר** ווי מען האט אנגעגרייט א סעודה, פאר בתואל **(נפתלי פריעדמאן)** מיט לבן און אליעזר, זיי האבן זיך געזעצט צום טיש מיט דריי טעלערס מיר האבן געזעהן ווי בתואל לייגט אריין סם אין אליעזר'ס טעלער אבער אליעזר זאגט: אז ער קען נאכנישט עסן **"ער מוז נאך מאכן א ברכה!"**

**דאן האבן מיר געזעהן** ווי דער מלאך **(ישעי' ווערטהיימער)** קומט און טוישט שנעל אויף די טעללער'ס. אויך שרייט לבן אריין אינמיטן זיין טאטע'ס רעדן. און אזוי זעהן מיר ווי אינמיטן עסן איז בתואל אראפגעפאלן. און דער פאליס **(ישראל חיים שאפפער)** קומט אן און ווארענט מ'טאר נישט טוהן אזעלכע זאכן. נאכדעם שרייט יעדער אז רבקה איז א כלה און יצחק **(אלטר יחזקאל שרגא נויאוויטש)** איז דער חתן, מיר זעהן ווי רבקה באקומט מתנות. אויך לבן באקומט מתנות גוטע זאכן.

**דערנאך גרייט מען זיך צו א גרויסע חתונה** מיר זעהן ווי אברהם מיט אלע מענטשן קומען צו די חתונה, דער חתן יצחק מיט די כלה רבקה, מיר זעהן די חתונה זינגער'ס **(יצחק טובי' הירש)** מיט די מוזיקאנטן און טאנצער'ס **(שלום ווארפמאן, נפתלי פריעדמאן, אברהם יוסף קרויס)** מיט די פייפער'ס, מ'הייבט אן זינגען עוד ישמע... עס ווערט לעבעדיג אלע קינדער זינגען מיט א פרייליכקייט. די חתן מיט אברהם מיט לבן און אלע מענטשן דארט טאנצן לעבעדיג. **עס איז געווארן א ריזיגע רינג אין גאנצן לאנטש רום אלע כיתות** מען האט געטאנצן לעבעדיג מיט עכטע חתונה מוזיק....

## השכמת הבוקר חלק א'

**דעם לימוד "השכמת הבוקר" חלק א'** לערנען מיר זייער ערליך וויאזוי א איד דארף אויפשטיין, ווי אזוי מען דארף זיך אפגיסן נעגל וואסער ביים בעט, און דאס גלייך ארויס טראגן. יעצט ווייסן מיר שוין זייער גוט ווי אזוי א איד דארף אויפשטיין, זאגן מודה אני. איך וועל שוין אכטונג געבן זיך אפגיסן גלייך נעגל וואסער אזוי ווי א ערליכער איד.

די שיינעם **אויפפירונג צעטל פאר די קינדערגארטן כיתות** וואס מיר גייען שוין צוריק ברענגען אין חדר ווי מען האט די וואך גוט אריין געצייכנט מיין אויפפירונג פון **"השכמת הבוקר"**. א גאנצע וואך טוען מיר זיך שוין באפלייסן כדי אונז צוגעוואוינען זיך אויפצופירן ווי א ערליכער איד. אויך קענען מיר (קינדערגארטן) **די טייטש פון "מודה אני"...** (ווען מ'העלפט צו) מען זאגט דאס זייער שיין אלע קינדער צוזאמען אין לאנטש רום מיט די מנהל. **מ'קען דאס הערן ביים שער הנגינה.**

**מיין רבי האט אונז געוויזן** ווי אזוי א איד דארף אויפשטיין אינדערפרי, די ערשטע זאך צופרי ביים אויפשטיין דארף מען זאגן מודה אני, אלע קינדער האבן שיין געזאגט מודה אני, דערנאך האבן מיר געזעהן א עכטע לעוואר און טעפל... ווי אזוי מען דארף זיך אפגיסן נעגל וואסער 6 מאל מיט א טעפל, גארנישט אויסגיסן און נישט ארייינלייגן די הענט אין טעפל. דערנאך די נעגל וואסער שיין ארויס טראגן.

## עס לעבט די סדרה ביי די נוירסערי קלאסן
## דער מיטוואך שפיל!

**די גאר יונגערע נוירסערי** נעמען זיך צוזאם אין איין כיתה און שפילן אויף עטליכע זאכן פון די סדרה אזוי עכט, מיט אזא זיסקייט זיצן אלע קינדער'לעך און באטראכטן יעדע זאך מיט נייגער עס איז צום באוואונדערן ווי די קינדער קוקן זיך צו מיט אזא אינטערעסע אין רבי זאגט וואס גייט מען יעצט זעהן און אזוי ווייזט מען דאס פאר אלע צוקוקער. מ'טיילט צו פאר עטליכע קינדער צו קומען און פארשטעלן.


### נייעס ליין שער הנגינה

**עס איז דא אן אפדעיט ביי די שער הנגינה**
**מיט שיינע ניגונים**

**718 407-7460 1/5/6**

**הערט און האט'ס הנאה**

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 1





אברהם מיט אלע מענטשן קומען און וויינען ווייל שרה איז נפטר געווארן



אלע קינדער באוויינען די צדיקת שרה



מר. עפרון מיט די בני חת



אברהם רעדט צו מר. עפרון



קודם זאגט מר. עפרון גארנישט קיין געלט



די קינדער הערן זייער גוט



יא יעצט זאגט ער אסאך געלט



מר. עפרון גיבט די שליסלעך



אברהם זאגט אן פאר אליעזר נאך א גוטע כלה



צוויי קינדער שפילן זייער שיין



די וואוילי מיידעלע רבקה

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 2


איין אינגל פאלט אראפ


רבקה מיט די טיכל ווישט אפ זיין בלוט


מען לייגט א בענדיטש


דער אלטער מענטש


ער האט נישט קיין כח


רבקה לייגט אינטער א בענקל


אליעזר מיט די קעמעך קומט צו גיין


נאר א פיינע כלה זוכן


רבקה מיט די קריגל וואסער קומט אן


אליעזר זעהט ווי די וואסער קומט ארויף



רבקה געט צו טרינקען אויך פאר אליעזר און אויך פאר די קעמלען

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 3


אליעזר געט פאר רבקה שיינע צירונגען


קייטלעך מיט 2 בּרעיסלעט'ס


לבן זעהט די שיינע צירונגען עד וויל אויך


א נס אליעזר פליהט אדויף העכער די ברין


לבן זאגט קום צו אונזער הויז...


אלע געטשקעס אדויס


לבן קערט אדויס די געטשקעס


אליעזר האט געבדענגט פיינע פרוכט


לבן שרייט אריין


דער מלאך טוישט אויף די טעללער'ס


בתואל פאלט אראפ   דער פאליס קומט אן וואס גייט דא פאר?


די חופה - יצחק איז א חתן און רבקה די כלה

# פארשידענע אקטיוויטעטן במשך די וואך






די לעבעדיגע חתונה די פייפער'ס די טאנצער'ס די זינגער'ס     עוד ישמע.....



סימן טוב ומזל טוב



יהא לנו ולכל ישראל



די גרויסע שיינע חלה     די ליכט ברענט



העכער די דאך א וואלקן






אלע קינדער קומען מיטהאלטן אין דעם געצעלט די דריי זאכן

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי די נוירסערי קלאסן ביי אונז אין חדר





אברהם רעדט צו אליעזר



אליעזר מיט די קעמלער







רבקה קומט צו גיין



אליעזר בעט וואסער



רבקה געט צו טרינקען



מען גרייט זיך צו די חתונה









א לעבעדיגע חתונה אלעס טאנצט אלעס זינגט

**עס** איז אויפגעשפילט געווארן פארשידענע אינטערסאנטע חלקים פון די סדרה, צו די הנאה פון די קינדער'לעך. זעהט'ס די בילדער עס רעדט פאר זיך. מיר האבן געזעהן די קעמלעך מיט א מויל שלאס, די עכטע רינגען, און די גרויסע ליכט וואס האט געברענט א גאנצע וואך.

## אויספרעגן א קינד ריכטיג, איז שטארק וויכטיג,

מיר פילן פאר וויכטיג ארויס צו ברענגען א זאך וואס **שטערט שטארק די רואיגקייט פון קינדער אין דעם יארגאנג**, ווען עלטערן מאכן זיך אליינס א פראבלעם, ביים אויספרעגן א קינד פון חדר.

א קינד כאפט אויף און האט ליב צו פארציילן זאכן וואס איז <u>**איהם אינטערעסאנט**</u>, **א מעשה** וואס זיין רבי אדער דער מנהל האבן פארציילט, **א געשעהניש** וואס מען האט שיין אויפגעשפילט אין חדר מיט די קינדער, **א פרייליכע נייעס** וואס ער הערט אז עס גייט זיין, אדער **וואס זיינע הענט** מאכן במשך די שעה'ן אין חדר, איינער מער און איינער ווייניגער.

**אבער א קינד** האט נישט ליב ווען מען פרעגט אים קשיות וואס ער ווייסט נישט צו ענטפערן ווי למשל: **וואס "האסטו" געטון אין חדר? מיט וועם האסטו געשפילט היינט?, וויאזוי הייסן די קינדער אין דיין חדר?** די זאכן כאפן זיי נישט אויף. די קינדער רופן זיך קיין נעמען זיי קענען שפילן שיין צוזאמען און זיי פרעגן זיך נישט וויאזוי הייסטו נאר זיי זאגן <u>ער</u> גאנג זאגן מיט <u>ער</u>... ווען א מלמד דארף זאגן א נאמען עטליכע מאל א טאג דאס כאפן די קינדער אויף. דעריבער איז זייער פארשטענדליך נישט צו פרעגן און באמוטשענען די קינדער מיט די סארט פראגעס ווייל נאכדעם וועלן זיי נישט ענטפערן גערן זאכן וואס זיי קענען יא ענטפערן, די נעמען פון די קינדער כאפן זיי אויף די לעצטע זאך!.

## די וועלט פון קאלירן

ווייטער מיט דעם לימוד פון די קאלירן פאר די יונגערע קינדער

| לך לך<br>אראנדזש | וירא<br>גרין | חיי שרה<br>בלוי | תולדות | ויצא |
|---|---|---|---|---|

סדר פון די קאלירן וואס מיר האבן שוין געלערנט מיט די נוירסערי און פרי קינדערגארטן

## מען גרייט זיך שוין מיט א פרייליכקייט!

**עס דערנעטערט** זיך שוין דער פרייליכער טאג וואס מיר וועלן בעזהשי"ת אנהייבן לערנען **די הייליגע אותיות התורה די א"ב**. און לכבוד דעם טוען מיר שוין צוגרייטן שיינע א' סיינס. א יעדע כיתה פון קינדערגארטן האט שוין באקומען א ליידיגן סיין ווי מיין רבי האט **אויפגעמאלן דעם גרויסן "א"** און מיר אלע וועלן אנפילן דעם אות "א" א יעדע כיתה מיט אנדערע שיינע זאכן.

**מיר גרייטן צו דעם שיינעם סיין** עס זאל זיין גרייט אויף קומענדיגן **וואך פ' תולדות אי"ה** ווען עס וועט זיין דער גרויסער שיינער **מעמד התחלת הא"ב**.

**דעם קומענדיגן דאנערשטאג** וועלן די קינדער פון קינדערגארטן קומען אין חדר בבגדי שבת, א ווייסן העמד (עס וועט אהיים געשיקט ווערן א טאג בעפאר א באזונדערע מודעה) ווי מיר וועלן מיטהאלטן זייער א שיינעם **מעמד התחלת א"ב** און במשך די גאנצע וואך וועלן מיר הערן און טון נאך זאכן אלעס צום פארברייטערן דעם לימוד פון די הייליגע א"ב בשעטומ"צ.

## אפּוועגן די האר

ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה. (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) **פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט**

**ביטע רופט : הרב יואל ווערצבערגער הי"ו 347.452.8336**

**ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.**

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

## אונזער טאג אין סאטמאר קינדערגארטן פון מאנטאג ביז דאנערשטאג

אזוי ווי עלטערן פרעגן אן ווי אזוי דער נייער טאג מיטן פארלענגערטן סדר גייט צו מיט די קינדער, ? ווען די קינדער עסן ? און ווען מען גייט אין ביהכ"ס ? דעריבער געבן מיר דא אראפ א שיינעם סדר היום וואס די קינדער האלטן מיט א יעדן טאג. ב"ה, א פולע אינהאלטסרייכער טאג מיט געשמאקע לימודים, וויכטיגע הלכות, ערליכקייט, אמונה, גוטע מידות, שיין פארברענגען, שפילן מיט חבירים, ארויף ארבייטן די כשרונות מיט וואס א קינד האלט זיך גוט פארנומען, אזעלכע זאכן וואס לערנט איהם אויס צו הייבן זיינע מעטאדן מיט א דרגה העכער כסדר..

| | |
|---|---|
| א גוט מארגן – שיין באגריסן די קינדער | 9:50 – 10:25 |
| פרישטאג | 11:00 - 10:25 |
| בענטשן, ביהכ"ס, און שיין דאווענען | 11:20 - 11:00 |
| סדרה פארציילונג, מיט פיל אינטערסאנטקייטן, שפילן, האנט ארבייט | 12:40 - 11:20 |
| לאנטש, (שיינע פארציילונגען, ניגונים) | 1:20 - 12:40 |
| בית הכסא, שפילן, האנט ארבייט, ווייטער לימודים | 2:30 - 1:20 |
| סנעק = א מזונות, מיט א טרינק אדער פרוכט | 2:45 - 2:30 |
| ביהכ"ס, פיקסן, די קינדער | 3:00 - 2:45 |
| אנטון קויטס זיך גרייטן צום אהיים גיין | 3:10 - 3:00 |
| א גוטן טאג, באס חדר | 3:18 - 3:10 |
| גיין צו די באסעס | 3:20 – 3:40 |
| די נחת קינדער קומען אהיים | 3:40 – 4:15 |



## אקטיוויטעטן פון די וואך
### די ברכה אין די טייג פון די מאמע רבקה'ס געצעלט

**די וואך** ווען מיר האבן געלערנט פון די מאמעס שרה און רבקה'ס געצעלטן ווי ס'איז אייביג געווען דארט די 3 זאכן א וואלקן העכערן דאך, און די לעכט פון שבת האבן געברענט א גאנצע וואך, און די חלות איז געווען גענוג פאר א גאנצע וואך, האבן מיר דאס געזעהן ממש ווי עכט ביי אונז אין הויף אויפן דאך אויך די האלל, דעם אויפגעשטעלטן געצעהלט, 2 גרויסע לעכט, און א ריזיגע גרויסע חלה וואס איז געווען גענוג פאר אלע קינדער צו באקומען א פיינע שטיקל. **יא! אט די גרויסע חלה האט מען דאנערשטאג אויפגעשניטן אין לאנטש רום און פארטיילט פאר אלע קינדער א שטיקל** אָהּ אַה ווי גוט און פיין איז דאס געווען.





# די קינדער לייענען און לערנען די "סדרה בילדער" אויפן וואנט

# התורה חסה על ממונן של ישראל

## וויכטיגע נקודות איבער די קינדער׳ס מלבושים וואס ווערן פארלוירן און פארטוישט

אסאך קינדער האבן די זעלבע מיני דזשעקעט׳ס און מאנטלען די קינדער ווייסן נישט קיין חילוק, און ביים אנטוהן די קויט׳ס מאכט זיך פיל מאל אז זיי נעמען יענעמ׳ס און עס ווערט א שטארקע פראבלעם, מיט די דזשעקעטס/קויט׳ס עס ווערט פארטוישט... (אוודאי דארף מען האבן א פין דאן זעהט מען גלייך וועמענ׳ס דאס איז) אבער מיט דעם אלעם איז זייער וויכטיג ארויף צו נייען א לעיבל מיטן נאמען און טעלעפאן נאמבער. סיי אויפן דזשעקט, און סיי אויף די היטן און שאל וכדו׳.

און ווען א קינד האט א מאנטל אדער דזשעקעט פון א קאזין, זאל מען זעהן צו טוישן דעם לעיבל.

עס מאכט זיך זייער אפט אז צוויי קינדער האבן דעם זעלבן דשעקט און זיי האבן דערויף א לעיבל מיטן נאמען נאר זיי טוישן זיך אויף אדער האט איינס יא און איינס נישט, עלטערן באמערקן נישט ווייל עס איז די זעלבע און די קינדער קומען אהיים מיט א דשעקט אבער למעשה איז דאס פארטוישט. דעריבער איז זייער וויכטיג כאטש איינמאל א וואך צו איבער קוקן צו די לעיבל איז ריכטיג, און אז נישט דאס תיכף צוריק שיקן אין חדר דאס צו קענען צוריק געבן.

אין דאס זעלבע ווען א קינד ברענגט אהיים א צווייטענ׳ס דזשעקעט זאל מען תיכף רופן יענעם אדער און אפיס און דאס צוריק שיקן דעם אנדערן טאג כדי דאס צו קענען אפגעבן פארוועם עס באלאנגט.

ווען מען שיקט צוריק עפעס וואס האט זיך פארטוישט איז וויכטיג צו שרייבן פארן מלמד וואס די טעות איז אזוי וועט מען דאס קענען מער נאכגיין און ארויס העלפן די וואס זוכן דאס.

**ברוכים הבאים**

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער וואס האבן די וואך אנגעהויבן חדר בשעטומ״צ

**ליפא קעסטנבוים, יעקב אלי׳ בערקאוויטש, יעקב הערש פריעדמאן, הערשי מענדלאוויטש**

# ווי לייגט מען די באס פין?

## די וויכטיגקייט פון א באס פין

### אז עס זאל זיין זעהבאר אויף זיין דשעקט – קאוט,

עלטערן כאפן זיך נישט אלעמאל די נחיצות הענין און די קינדער קומען מיט די פינס אויפן הויזן, אינטער די דשעקט׳ס אדער מאנטל. ספעציעל יעצט ווען מ׳טוישט כסדר דעם דשעקט ווייל איין טאג איז קאלט און איין טאג איז מערווארעם, דעריבער בעטן מיר חשובע עלטערן שיחיו מ׳זאל מאכן זיכער איידער דאס קינד גייט ארויף אויפן באס, אז די באס פינס זענען אויפן אויבער מאנטל.

# דער טויש ביי די באס ראוט'ס

**טראנספארטעישן:** א גריס פון טראנספארטעישן מענעדזשער **ר' משה יוסף פריעדמאן נ"י** וואס ארבייט איבערמידלעך א יעדן טאג כדי נאכצוגיין און נאכצוקומען ווי מ'קען און וואס מ'קען בעסער מאכן.




**מיר ווילן אביסל מיטיילן די חשוב'ע עלטערן שיחיו וויכטיגע אינפארמאציע פון טראנספארטעישן אפיס.**

**עס איז נישט קיין סוד אז עס איז דא צוויי פאסירונגען מיט וואס טראנספארטעישן דארף האנדלען כסדר און צוליב דעם דארף מען כסדר זוכן צו פארבעסערן.**

**די צוויי פאקטן וואס איז אויפן טיש אין טראנספארטעישן אפיס:**

1. אסאך משפחות האבן אין די פארגאנגענע צוויי יאר געמופט צו נייע געגענטער נייע דעוועלאפמענטס.
2. דער טראפיק בכלל און ביי אלע קאנסטראקשנס פלעצער בפרט.

**דער ערשטער פאקט** איז ב"ה א פריידיגע בשורה אז משפחות באנייען נייע געגענטער נייע גאסן און די הנהלת המוסד איז וויליג און שטייט גרייט צו צושטעלן באסעס פאר די קינדער ווי מ'דארף. אבער אויף די באסעס איז דא א גרויסע חילוק, ביי די אלע נייע געגענטער זענען די באסעס זייער איבערגעפילט און מ'דארף צולייגן נאך באסעס אדער ארום טוישן די באס ראוט'ס וואס דאס איז גארנישט אזא גרינגע אונטערנעמונג.

**און דער צווייטער פאקט** אז דער טראפיק ארום וויליאמסבורג בכלל און ביי די קאנסטראקשנס בוי פלעצער בפרט, איז זייער שווער און פיל מאל קען א באס נישט צוקומען צו זיין געוועהנטליכער וועג און דאס איז גורם אסאך פראבלעמען, ווייל עלטערן שטייען און ווארטן אויפן באס זאל אנקומען און דער באס קומט נישט אן צו די הייזער פון אונזערע תלמידים. עלטערן שטייען און ווארטן אזוי אומשולדיג אפשר קלערט זיך אז דער אדער יענער איז פארשלעפט, דערווייל איז דער באס אויף א גאס אונטער א קרעין, אדער א סעמענט טראק, אדער פשוט מען פיקט יעצט אויף גארביטש פון 3 טעג, אדער דער גאס איז גאר געשפארט פון א פארקער... און אזוי ווייטער נאך און נאך, א סך הכל מ'קען נישט בלעמען קיינעם די וואס פארן אויף די גאסן אדער אויף די באסעס דערזעהן זיך מיט גאר אן אנדערן בילד.

**דאס אלעס איז גורם אז מען דארף כסדר זוכן ווי אזוי קען מען יא לעזן איינע פון די טעגליכע פראבלעמען??**

**ב"ה היינט איז דא א טרעקינג סיסטעם** דאס העלפט א געוואלד מ'קען נאך גיין א באס פון זיין ערשטער סטאפ ביי זיין ערשטער באס ראוט פון גאר פרי און זעהן פונקטליך וואס גייט פאר ווי ער ווערט פאראנקערט ווי ווערט ער פארשלעפט? און טאקע דורכדעם קומט מען ב"ה אן צו פארשידענע לעזונגען דער געטרייער מענעדזשער מיט זיין שטאב זיצן טאג און נאכט מ'גייט נאך די באס ראוט'ס און מען פראבירט ווי מ'קען ארום טוישן כדי צו פארגרינגערן דאס וואס פלאגט.

**דעם יאר איז אויך אזוי געווארן אז די קינדערגארטן נוירסערי קינדער קומען אהיים שפעיטער** צוזאמען מיט די כיתות א"ב, פון איין זייט איז דאס א ישועה א באס ראוט ווייניגער. אבער אזוי ווי א יעדע נייע זאך קען נעמען ביז עס גיבט זיך איין איז ביי דעם ענין די זעלבע. **דאס איז זיכער** אז די ¾ שעה וואס די קינדער פארברענגען צווישן די חדר ווענט ווערט זייער גוט אויסגענוצט צו די פולע הנאה פון אלע קינדער. נאר ביים אהיים פארן מאכט זיך נאך יעצט אין אנפאנג אז עס איז דא געוויסע קינדער וואס קלאפט אויס א מידעקייט אדער אנגעשטרענגטקייט, אבער עס איז צום האפן אז מיט די צייט וועלן זיי זיך צוגעוואוינען און מיטלעבן מיטן מציאות. אבער דאס יא, אזוי ווי די קינדער קומען אהיים שפעיטער האבן מיר די אחריות און מען ארבייט צוזאמען מיט די טראנספארטעישן

דיפארטמענט אז די באס ראוט'ס זאלן נישט נעמען לענגער ווי עס דארף און אז דער לעצטער באס סטאפ זאל נישט זיין שפעטער ווי 4:15

**אז מען ארבייט קומט מען אן:** די וואך, דער 4'טער וואך אין זמן נאכן עס נאך גיין די פארגאנגענע דריי וואכן ווי מ'קען פארגרינגערן און פארבעסערן האט מען געטוישט 4 באס רוט'ס און ווי עס זעהט אויס איז דאס געווען זייער א געלונגענע טויש פארשטייט זיך מ'דארף נאך געבן אפאר טעג אבער די לעזונג זעהט אויס ריכטיג. און עס וועלן בעזהשי"ת זיין נאך טוישונגען ביי נאך 3 באסעס און האפענטליך וועט אלעס זיין מסודר לויט די יעצטיגע בליק. מיר ווייסן זייער גוט אז עס קען זיך טוישן ביז א האלב יאר ווען נאך משפחות וועלן זיך אריין ציען אין זייערע נייע דירות אין נייע געגענטער און מיר וואונטשן זיי א ברכה עס זאל זיי גרינג אנקומען און ס'זאל זיין בשעה טובה ומצלחת און מיר וועלן זיי פראבירן צו העלפן מיט וואס עס וועט נאר שייך זיין.

**דערוועיל** האבן מיר צום ערשט געמאכט דעם פארבעסערטן טויש נאר נאכמיטאג ביים אהיים גיין פון חדר, און נאכן דאס אנאליזירן פאר א וואך צוויי וועלן מיר דאס אויך איינשטעלן אויף צופרי קומענדיג אין חדר בעז"ה.

מיר האפן אז נאכן ליינען די שורות וועט איר זעהן אז מען ארבייט כסדר, און די טראנספארטעישן דיפארטמענט וויל פארלייכטערן און פארבעסרן וואס מ'קען און ווי מ'קען, עס גייט אבער נישט אזוי לייכט ווי מ'קלערט אין אנפאנג און בעז"ה וועלן מיר מצליח זיין.

והשם ישמר צאתינו ובואינו לחיים ולשלום

נ.ב ווען א משפחה מופט און די קינדער וועלן באקומען א נייע אדרעס איז דער סדר אז מען דארף אריין רופן צום מעין אפיס צום טראנספארטעישן אפיס איבערגעבן ווי און ווען איר וועט מופן. און **אויך דארף מען עקסטער אריינרופן צום סאטמאר קינדערגארטן אפיס און איבערגעבן** כדי עס זאל זיין א געלעגענהייט מסדר צו זיין אייער קינד מיט א נייע באס פין, עס איז קלאר נישט גענוג אז מען זאגט דאס נאר אויף איין פלאץ אדער מ'לאזט איבער א מעסעדזש ערגעץ ווי מ'ווייסט נישט... עס איז פארהאן דערין אחריות'דיגע טוישונגען און מיר דארפן באהאנדלען די טייערע קינדער באגלייט מיט אחריות.

**מיר האפן און זענען זיכער אין די פארשטענדליכע מיטארבייט פון די חשובע עלטערן שיחיו.**

# א בליק אויפן "באס טרעקינג סיסטעם" פון דער נאנט



# מזל טוב ווינקל

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יקותיאל הערש** ב"ר יוסף לייב **זילבערשטיין** ני"ו
**לכבוד די געבורט פון א ניכטע**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יודא לייב פוקס שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מאיר צבי** ב"ר יעקב זושא **גוטמאן** ני"ו
**לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלום** ב"ר הרב יעקב נחמן **ווארפמאן** ני"ו
**לכבוד זיין מומע איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ליפא** ב"ר חיים **געלבשטיין** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א**
**הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יצחק** ב"ר יוסף שלמה **פריעדמאן** ני"ו
**לכבוד זיין מומע'ס חתונה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א**
**הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חיים** ב"ר שמואל ברוך מנחם **שטערן** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א**
**הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלמה** ב"ר שמואל ברוך מנחם **שטערן** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א**
**הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמעון הלוי** ב"ר משה יעקב חיים **מאשקאוויטש** ני"ו
**לכבוד זיין ברודער'ס חתונה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**קלמן אליעזר** ב"ר משה יואל **עקשטיין** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מאיר קלמן** ב"ר אברהם יוסף **ווייסגארטן** ני"ו
**לכבוד זיין פעטער'ס בר מצוה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב שלמה ניסן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלמה זלמן** ב"ר אברהם **לעוויגער** ני"ו
**לכבוד זיין ברודער'ס חתונה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב שלמה ניסן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אהרן מאיר** ב"ר יחיאל מיכל **שווארטץ** ני"ו
**לכבוד זיין פעטער'ס חתונה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יודא לייב פוקס שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אלעזר** ב"ר אהרן שמואל **גאלדבערגער** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א**
**הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יושע נחמן** ב"ר אלטר שמעון דוד **שרייבער** ני"ו
**לכבוד זיין מופן צו די נייע הויז**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב בנימין כהן שליט"א**
**הרב שמעון פריעד שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יושע** ב"ר מאיר ב"ר הלל אהרן **גאלדבערגער** ני"ו
**לכבוד זיין פעטער'ס חתונה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כהנא שליט"א**
**הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יושע** ב"ר שלמה דוב **ווידער** ני"ו
**לכבוד זיין פעטער'ס חתונה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**הערשל** ב"ר אלכסנדר **מיטעלמאן** ני"ו
**לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב חיים לייפער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אהרן** ב"ר יצחק אייזיק **לעבאוויטש** ני"ו
**לכבוד געווארן א פעטער / ניכטע**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א**

**ברכת מזל טוב חמה ולבבית**
**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד ה"ה**
**הרב אברהם הלוי בערגער שליט"א**
**לכבוד די געבורט פון זיין אייניקל א מיידל ביי זיין זון האברך היקר והנעלה פאר המדות ה"ה מו"ה שמעון הלוי בערגער שליט"א**
**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**
דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט די בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן אין פריידן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך
שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר
ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים
גם אנו מצטרפים מעומק הלב: **ישעי' יצחק הכהן רובין** - מנהל, **אליעזר צבי הכהן כ"ץ** - סגן מנהל, גם אני מצטרף לברכה: **יחיאל שטעסל**




## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג

שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען, מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קרי"ש ליינען – וואכנאכט,** א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה,** אדער **חברת תהלים,** סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקלעך"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**




**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 6 – Ext 1 718-407-7460**